"שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים

מאת

הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר

"יצא סוד"

אידיש

מועתק מלשונו הזהב

מאמר כ"ח

חודש אדר ב' שנת תשפ"ד לפ"ק

אזוי ווי די הוצאות שטייגן כסדר, ווילן מיר בעטן אז ווער עס קען זאל
**זיך משתתף זיין בעין יפה כדי מיר זאלן קענען ווייטער ממשך זיין ביתר שאת**
איר קענט אריינרופן אין אפיס **718-586-5199** אדער טעקסטן צו **347-292-1014**
אדער אטעמאטיש דורך רופן **845-366-2793 #6054**

לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות

**קול דורשי יחודך**
**718-586-5199**
**בא"י 0765997840**

~ ~ ~

ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: dyyms12@gmail.com
וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של 20$ עבור הוצאת עריכת הקונטרסים
נא להשאיר הודעה בקול דורשי יחודך נומער 9

©
כל הזכויות שמורות

בסיוע בית הגה"צ מורינו שליט"א

נסדר לדפוס ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# תוכן המאמר


אים אריינגעשושקעט דעם סוד... ...................... א
מחילת עוונות בפורים יותר מיום כיפור ...................... ב
זיך פארטשעפעט מיט אפאר שאַבּאַבּניקעס... ...................... ג
אלץ איז נשמות! ...................... ד
א וועלט פול מיט ספיקות ...................... ה
קיין חילוק צווישן זיי ...................... ו
נישט געקענט אים הרג'ענען ...................... ז
'קינדערלאך, איר זענט גארנישט שולדיג!' ...................... ח
הוא המסית, הוא המקטרג ...................... י
"הכל חפצים ליראה את שמך" ...................... יא
א איד איז אַן עצם חלק הטוב! ...................... יב
געגעבן 'סמיכה' דעם שאַבּאַבּניק... ...................... יד
'וירח את ריח בוגדיו' ...................... טז
דיינע רשעים ענטפערן "אמן יהא שמיה רבא"! ...................... יז
אין לעבנסלעגליכע ארעסט ...................... כ
אלע מחלות - אריינשיקן קיין עזה... ...................... כא



**חלק מהוצאות נתנדב**

**לע"נ שר הצדקות והחסד**

הרה"ח ר' **חיים דוב (בער)** ע"ה ב"ר **חנני יו"ט** הי"ו

**(מייזעלס)**

# מאמר כ"ח

## יצא סוד

### סעודת פורים שנת תש"ע לפ"ק

**אים אריינגעשושקעט דעם סוד...**

פורים האט דער אויבערשטער מגלה געווען א סוד נפלא מאוד, א שרעקליכער סוד, א שרעקליכער סוד!

ווייזט אויס, מען האט עס נישט געכאפט...

דער עמלק האט געוואלט מען זאל עס נישט כאפן...

אבער עס איז א מורא'דיגער סוד, א מורא'דיגער סוד, א שרעקליכער סוד!

(במלחמת עמלק כתיב: "**וְשִׂים בְּאָזְנֵי יְהוֹשֻׁעַ**"[א] – זאג אים אויס דעם סוד... (כמבואר לקמן)[ב].

---

**א.** שמות יז, י"ד.

**ב.** אגב נציין דבר נפלא שמובא בישמח משה פר' תרומה, וז"ל: ובזה פירש היפה מראה (על ירושלמי מגילה פ"א ה"ה) סיפא דקרא **ושים באזני יהושע**, דקשה הלשון ושים באזני, **דמורה שילחוש לו באזניו דרך סוד נסתר מהמון**, והלא כל התורה שבכתב ושבעל פה למד משה עם כל ישראל? אבל הענין הוא, דבאמת דבימי מרדכי ואסתר היו צריכים לתשובה גדולה, וכמאמר רז"ל (מגילה דף יב ע"א) מפני מה נתחייבו ישראל שבאותו הדור כליה, וכאשר באמת עשו כל ישראל שבדור ההוא תשובה שלימה ותיקנו מה שפגמו. והנה אם היה נגלה ונתפרסם מקודם נפילת המן הצר הצורר ותשועתם וכל המעשה מראש ועד סוף, בודאי מורא לא היה עולה על ראשם מגזירת המן, וממילא לא היה סיבה המביאם לעשות תשובה. לזה נסתר מהמון מצות קריאת המגילה בשעת מתן תורה, ולא נמסר רק למשה לבדו והוא מסרה ליהושע, וכן כל ראש הדור מסר זה בדרך סוד לראש הדור שלאחריו עד מרדכי.

## מחילת עוונות בפורים יותר מיום כיפור

עס ווערט געבראכט[ג], פורים איז מען אלעמען מוחל די עוונות מיט 'רצון', מיט 'נאר רצון'!

אפילו די וואס זיי ווערן נישט אנגענומען אין יום כיפור, אפילו אויף די ערגסטע עבירות אויף דער וועלט, ווערן אנגענומען פורים[ד].

---

והיינו כתוב זאת וגו' בספר - מה שכתוב במגילה, **ושים באזני יהושע - באזני דייקא**, והבן עד כאן, עכ"ל. ועיין שם בפנים מה שמבאר לפי זה פסוק "ומרדכי ידע את כל אשר נעשה" וכו'.

**ג.** עיין תורה אור על מגילת אסתר, אות ח': וזהו **ענין הפורים שגבוה יותר גם מבחי' יום הכפורים** שהרי יוהכ"פ נק' כפורים כלומר כמו הפורים בכ' הדמיון בלבד ולא כמו פורים ממש מכלל שפורים עצמו גבוה מיוהכ"פ. והענין הוא כך, להיות שהגם ביוהכ"פ היו ענין הגורלות בשני השעירים לפני ה' כו' שזהו ג"כ תלוי בבחי' רצון הפשוט מקור כל הרצונות כו' וכנ"ל. אך מ"מ הי' תלוי באופן התשובה, שהרי יוהכ"פ אינו מכפר בלתי אמצעות התשובה דוקא, והגם שהתשובה היא בחי' תשו"ע, והיא בחי' מס"נ, ומ"מ אם אינו עושה תשו"ע אין יוה"כ מכפר כידוע. אך בחי' פורים יש בה יתרון מעלה מה שאין ביוה"כ, והוא ענין מס"נ שלהם שהי' למעלה מן הטעם והדעת לגמרי כנ"ל, דהיינו **בהעדר שום חפץ ורצון כו', בלתי לה' לבדו** וכנ"ל.

**ד.** עיין אמרי אמת - שושן פורים [תרפ"ז], וידוע הסיפור נפלא המובא בהגש"פ ספינקא, וז"ל: בעל ה'אמרי יוסף' (מספינקא) רגיל היה לספר בכל ליל שני של פסח אחרי הסדר, כי היה פעם אברך אחד, שאחרי שערך את הסדר בליל השני ואמר שיר השירים והאריך בסיפורי יציאת מצרים, אבל לא חטפו עדיין השינה וע"כ לא רצה ללכת לישן, התיישב בדעתו שהיות שביום ב' דפסח הוא זמן של סעודת אסתר ועל כן יקרא כעת את המגילה. ויהי כאשר סיים את המגילה ראה שבאה אליו נפש שהתייצבה לפניו וביקשה תיקון לעצמה. ושאל אותה האברך איזו שייכות יש לך אלי ומה רצונך ממני כעת? והתחילה הנפש לספר, כי ישנן נשמות שאף אחרי שנדונו וקבלו את שלהם, בכל זאת אין ביכולתם ליכנס לגן עדן עד שתהיה להן זכות מיוחד, **ברם בכל שנה בשעת קריאת המגילה פותחין שערי גן עדן, ואז יוכל כל אחד להיכנס**, והנה כבר חדשים רבים לפני זמן הקריאה עומדות אלפים ורבבות נשמות על יד השער ומחכות לפתיחתם, ואולם מכיון שקריאת המגילה אינה אלא שעה-שתיים או שלש, ע"כ מי שהספיק ליכנס - קנה מקומו, ומי שנשאר בחוץ - הרי הוא נאלץ לחכות עד שעת הקריאה של השנה הבאה. והנה - המשיכה הנפש לספר - היא התייצבה כמה וכמה שנים על יד שער הגן עדן ובגלל הדוחק הרב לא הצליחה להיכנס, וגם בשנה האחרונה סגרו את השער באותה שעה כשהגיע תורָה להיכנס, וע"כ התיישבה בדעתה שלא תזוז ממקומה עד שיקראו את המגילה בשנה הבאה. ויהי בעמדה שם ומחכה לכניסתה, שמעה לפתע בליל פסח שקוראים את המגילה, ומיד התחילה לדפוק על שערי גן עדן

**יום הכיפורים איז א טפל צו פורים!**[ה]

מיר געפינען זיך ערשט אין א מורא'דיגן זמן! מען קען ערשט ממשיך זיין ישועות ברוחניות ובגשמיות פאר גאנץ כלל ישראל!

## זיך פארטשעפעט מיט אפאר שאַבּאַבּניקעס...

ווען האבן זיי זיך דערוואוסט דעם סוד? ווען האט מען זיך דערוואוסט דעם סוד?

איך בין געגאנגען אין די אונגארישע הייזער, עס איז געווען פרשת בשלח, גייט צו צו מיר א איד, זאגט ער מיר, עס איז געווען אזעלכע גוים וואס האבן גוזר געווען שמד, הריגות, צרות; אבער וואס שטייט אין די תורה - וואס האט עמלק געטון? "**וַיְזַנֵּב בְּךָ כָּל הַנֶּחֱשָׁלִים אַחֲרֶיךָ!**"[ו] [- ער האט גאר ערשט געמאכט די נחשלים[ז]] - ער האט זיך געטשעפעט מיט אפאר שאַבּאַבּניקעס (- הפקר יונגען)...

---

שיניחוה להיכנס שהרי קוראים את המגילה, ולשמע קול דפיקותיה יצא אליה שומר הפתח ואמר לה, הן אמת שקוראים כעת את המגילה אבל הלא אין זה זמן קריאתה. אבל הנפש השיבה לו, מאי נפקא מינה אם זמן קריאה הוא עכשיו או לא, הרי מכיון שקוראים את המגילה מחוייב אתה להכניסני. וכאשר התווכחו בזה יצא אליהם אחד מבית דין של מעלה ואמר לה, האמת היא כדברי השומר שקריאת המגילה צריכה שתהיה בזמנה וזולת זה אינה מועלת, אלא אם כן תרד אל האברך הקורא ואם הוא יפסוק שתוכל להיכנס - אז יורשה לך להיכנס. עד כן הסיפור. ומסיים בהערה שם: זקני חסידים היו רגילים לומר, כי רבינו בעל האמרי יוסף שהיה דייקן גדול בסיפורי עובדות, לא היה דרכו לספר שום סיפור מבלי שיזכיר את שם בעל העובדא, או שיגיד בשם תלמידי בעש"ט, ובסיפור זה שסָתם ולא פירוש מי היה 'האברך' הזה, כנראה שכוונתו היה על עצמו...

**ה.** עיין רסיסי לילה (לר"צ מלובלין), אות נ"ח: אמרו בתיקונים (תיקון כא) על יום הכיפורים דרצה לומר כפורים, כמו פורים, וידוע, מי נתלה במי? קטן בגדול (תענית ז.), **כי פורים הוא ימי רצון הרבה יותר מיום הכפורים.**

**ו.** דברים כה, י"ח.

**ז.** עיין ליקוטי הלכות הל' נחלות ה"ד, אות ל"ח: וכן הוא בכל דור ובכל אדם, כמו שכתוב: **מלחמה לה' בעמלק מדור דור, שמתגבר על כל אדם בכל עת בכל מיני תחבולות להפילו חס ושלום.** כי הוא המסית הוא המסטין וכו' **כי בתחילה מסית האדם למה שמסיתו, ואחר כך מקטרג עליו** עד שבא עליו איזה צרה ויסורים חס ושלום.

ביי אידן אז אלעמאל געווען שאַבּאַבּניקעס...

דערפאר איז ער דער ערגסטער אין דער וועלט! דער ערגסטער אין דער וועלט! דעם ערגסטן סוף וועט ער האבן!

"**מָחֹה אֶמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק**"[ח]; דער גאנצער תיקון העולם וועט זיין, אז מען וועט אים אויסמעקן, אזוי האבן מיר מקבל געווען מסיני.

## אלץ איז נשמות!

יעדע זאך ווערט נמשך דורך נשמות; דער בְּאֵר - דער מעיין המתגלגל, עס איז געווען א דבר נפלא מאד, קיינער האט נישט געוואוסט ווער האט דאס ממשיך געווען; ערשט אז מרים איז נסתלק געווארן, האט מען זיך דערוואוסט אז זי האט עס ממשיך געווען[ט]. [דער אר"י הקדוש האט געגעבן צו פארזוכן רבי חיים וויטאל'ן פון דעם, ער האט אים געזאגט, "ערשט וועסטו ווערן א מעיין המתגבר בחכמה זו!"[י]]; אלץ ווערט נמשך דורך נשמות, סיי מצד הטוב, סיי מצד הרע.

עס ווערט געברענגט אין שיחות הר"ן[יא] - אפילו ביי 'חכמות דהאי עלמא'; עס איז דאך פארדעם אויך געווען גרויסע חכמים, מורא'דיגע

---

**ח.** שמות שם.

**ט.** גמ' תענית דף ט' ע"א.

**י.** פרי עץ חיים שער הנהגת הלימוד פרק א'.

**יא.** אות ה', וזל"ש: ואמר, שאלו התחבולות וההמצאות שהמציאו הפילוסופים בחכמתם, כגון כלי מלחמה נפלאים ושאר כלים העשויים בתחבולות על פי חכמה, וכיוצא בזה שאר עניני חידושים שלהם שהמציא כל אחד ואחד מחכמיהם, אמר, שהכל מלמעלה, כי לא היה אפשר להם לבוא על זה רק על ידי שהתנוצץ להם השכל בזאת החכמה, שבא לאותו החכם התנוצצות מלמעלה. כי כשהגיע העת והזמן שיתגלה אותה החכמה או התחבולה בעולם על כן שלחו להם מלמעלה בשכלם זאת התחבולה כדי שיתגלה בעולם. **כי בודאי גם החכמים הקדמונים שהיו מקודם חקרו גם על זאת, ומפני מה לא באו הם על זאת התחבולה וההמצאה?** רק באמת הכל מלמעלה, וכשבא העת שיתגלה זאת הדבר, אזי מתנוצץ לו השכל ואז בא אותו החכם על אותה התחבולה, כי נשלח לו מלמעלה ממקום שהגיע לו. כי בודאי אינם מקבלים דרך הקדושה רק דרך הסטרא אחרא, וזה פשוט.

קעפ, פארוואס האבן זיי דאס נישט אויפגעכאפט בשום אופן נישט? ווייל עס איז נאכנישט געווען די צייט אז עס זאל אראפגיין אויף דער וועלט; ווען עס דארף אראפקומען אויף דער וועלט, באשאפט דער אויבערשטער א נשמה, וואס דורך די נשמה ווערט נמשך די חכמה[יב]. נאכער איז דא אויף דער וועלט נשמות וואס זענען ענפים פון דער נשמה, קלויבן זיי זיך צונויף, איז מען ממציא און מפַתֵּח דער חכמה.

די תורה האט אונז אנגעזאגט א סוד - עס זענען דא נשמות.

## א וועלט פול מיט ספיקות

דער אמת איז טאקע אזוי, די וועלט איז א געוואלדיגער ערבוביא, עס איז געוואלדיגע ספיקות, געוואלדיגע טעותים, מען ווייסט נישט פארוואס מען איז אראפ אויף דער וועלט, מען ווייסט נישט וואס צו טון אויף דער וועלט, מען ווייסט נישט פארוואס מען גייט אוועק אויף דער וועלט, די וועלט איז אין א מורא'דיגן טעות.

ביי דער גאנצער וועלט איז דאך געווען פורים 'מוצאי שבת', האט מען געמאכט הבדלה; די מצוה פון הבדלה איז דאך כולל כל התורה כולה, "**הַמַּבְדִּיל בֵּין קֹדֶשׁ לְחוֹל**"! (- היינו, הדעת להבדיל בין טוב לרע).

די וועלט איז אזא מין הסתר פנים, אזא מין הסתר פנים, דער הבדל פון שבת מיט חול איז דאך בלי שיעור ובלי גבול; שבת איז מורא'דיג גרויס, וואס דערפאר האט דער אויבערשטער באשאפן דער וועלט!

---

**יב.** עיין שיחות הר"ן אות צ"ב: **כשבאה נשמה לעולם אזי אותה הפעולה של אותה הנשמה מתחלת להתעלות.** כגון אם הנשמה של חכם אזי החכמה מתחלת לעלות ועולה למעלה למעלה מיום הולדו עד יום הסתלקותו. וכן אם היא נשמה של מלכות אזי תכסיסי מלחמה ועסקי המלכות מתעלין. ולפי מהות החכמה איזה חכמה שהוא, אותה החכמה מתעלית בעת שבא הנשמה להעולם. וכן לפי מהות המלכות אם הוא מלכות הרשעה או מלכות טובה. הכלל, אותה הפעולה של אותה הנשמה מתחלת להתעלות מיום ביאת אותה הנשמה לעולם.

אויף יעדער זאך דארפן מיר האבן אַן 'הלכה למשה מסיני' - וואס איז שבת, ווען איז שבת, ווען איז חול, וואס איז טהור, וואס איז טמא, וואס איז ישראל, וואס איז עמים, וואס איז עמלק, וואס איז מותר, וואס איז אסור - אָן הלכה למשה מסיני ווייסן מיר נישט אוואו מיר זענען אויף דער וועלט אינגאנצן.

**קיין חילוק צווישן זיי**

אט דער ערבוביא האט געמאכט נשמת עמלק; **"המן מן התורה מנין? 'הֲמִן הָעֵץ'!"**[יג].

דער עץ הדעת האט דאך אנגעמאכט א מורא'דיגן ערבוביא אויף דער וועלט; פארן עץ הדעת איז געווען טומאה באזונדער, און קדושה באזונדער, און עס איז געווען א בחירה צו גיין אדער צו די קדושה אדער צו די טומאה.

אוודאי, "זה לעומת זה עשה אלקים"[יד], די טומאה איז זייער שטארק - אויף דער וועלט דארף מען האבן א געוואלדיגן זכות צו קענען מבחין זיין.

עס ווערט טאקע געברענגט[טו], דער 'עץ הדעת' און דער 'עץ החיים' זענען צוויי שיינע ביימער וואס זיי וואקסן אין איין ערוגה איינער שענער פון דעם צווייטן, פלאי פלאות, מען קען נישט וויסן ווער איז דער 'עץ החיים', און ווער איז דער 'עץ המות'.

---

**יג.** חולין קלט ע"ב עיין פוקד עקרים (לר"צ מלובלין), אות ה': **אילו לא חטא אדם הראשון, ונצח לנחש, היה נכלה שורש הרע מיד בתחילת הבריאה**, והיה די שימוש הבחירה באותה רגע לבד. ועל ידי קלקול אדם ודורות שאחריו נמשך עד מתן תורה שהיו מוכנים אז גם כן לתקן לגמרי ויהיו חירות ממלאך המות ויצר הרע שלא יהיה עוד מציאות לרע, **ועל כן יצא אז לפועל שורש הרע בהתלבשות בגוף עמלק בעולם הזה.**

**יד.** קהלת ז, יד.

**טו.** עיין רמב"ן עה"ת בראשית ב, ט.

אבער (בנוסף) צו דעם האט דאס עסן דעם עץ הדעת גורם געווען, אז עס איז געווארן אַן ערבוביא צווישן דער טוב מיט דער רע און צווישן די רע מיט דעם טוב - מען ווייסט נישט וואס איז 'רע' און וואס איז 'טוב'[טז].

עס איז רעכט, ווען מען שטעלט פאָר דער גרויסקייט פון המנ'ען, וואספארא קאפ ער האט געהאט, ווי קלוג ער איז געווען, ווי רייך ער איז געווען, וואס פאר אַן אישיית (- חשיבות) ער האט געהאט, וואלט מען נישט געקענט מבחין זיין צווישן המנ'ען מיט מרדכי'ן בשום אופן נישט...[יז] - נאר מיט הלכה למשה מסיני.

## נישט געקענט אים הרג'ענען

"**וַיַּחְמֹל שָׁאוּל וְהָעָם עַל אֲגָג**"[יח]; געוואלד! - 'ויחמול'! שאול איז געווען דער גרעסטער מענטש אין דער וועלט, ער איז געווען א געוואלדיגער חכם, ער איז געווען פון די מקבלי התורה, האט אים אגג געוויזן אז ער (- אגג) האט אין זיך אזא טוב אז מען קען אים נישט הרג'ענען...[יט]

---

**טז.** עיין ליקוטי הלכות הל' סוכה ה"ז, אות ג': **עיקר חלוקת העצה הוא בעבודת ה' מה שמספקין לפעמים איך להתנהג וזה נמשך מפגם עץ הדעת טוב ורע שעל ידי זה נתערב טוב ורע עד שאין יודעין להבחין בין טוב לרע.** וכל אלו הספיקות והבלבולים וחלוקת העצה שיש בעבודת ה', כל זה הוא בחינת 'להט החרב המתהפכת לשמור את דרך עץ החיים'. כי אם לא היה אוכל אדם הראשון מעץ הדעת היה יודע הדרך הנכון איך להתדבק תמיד בה' ולכלל בחינת החיים, שזהו בחינת דרך עץ החיים.

**יז.** עיין ליקוטי הלכות הל' מתנה ה"ג, אות ה': "**ומרדכי ידע את כל אשר נעשה**", כי מרדכי הצדיק בחינת הראש בית שבכל דור ודור יודע את כל אשר נעשה בעולם, **איך השטן מערבב את העולם כולו עד שאי אפשר בשום אופן לידע היכן האמת**, וכו' עיין שם.

**יח.** שמואל א' טו ט'.

**יט.** עיין פוקד עקרים אות ה': ושאול שהרגיש יציאת נפש אחת מישראל מבני בניו כנ"ל, וכל המקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא, חשב על ידי זה קיום אגג, לקיום עולם, **ושלא לחינם נתעורר חמלה זו בלבו ובלב כנסת ישראל**, כמו שנאמר (שם פסוק ט') ויחמול שאול והעם על אגג. [ושמעתי על מה שכתוב (שם פסוק ל"ב) אגג מעדנות, ותרגום

מורא'דיג אין דער וועלט! מורא'דיג אין דער וועלט!

דאס אליין מאכט אויך אָן עמלק! דאס אליין מאכט אויך אָן עמלק!

## 'קינדערלאך, איר זענט גארנישט שולדיג!'

מען קען זען א איד - הוילע (- בלויז) חסרונות, הוילע חסרונות - ווען מען ווייסט ווען וואספארא "יהא שמיה רבא מברך" עס איז דא אין אים, וואספארא מלכות שמים עס איז דא אין אים, וואס אז עס זאל נאר ארויסגיין דער פסולת - -

די פסולת איז נישט ער, די פסולת איז עמלק!

אט דאס זאגט דער אויבערשטער: **'איר זענט גארנישט שולדיג - קינדערלאך! איז זענט גארנישט שולדיג!'**

"**זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק**"[כ] – עס איז דא אזעלכע נשמות וואס זיי ברענגען אריין כפירה אויף דער וועלט[כא], פגם הברית אויף

---

יונתן כד מפנקן, כי מי שראה אגג בפינוקו לא היה אפשר מצד טבע אנושי שלא יתעורר בו רחמנות וחמלה עליו, ונסיון גדול היה שלא יחמלו, ומכל מקום גם זהו מן השמים והחמלה שהתעוררה בכנסת ישראל היה גם כן על אותו ניצוץ העתיד לצאת]. ועל כן ציוהו שמואל ולא תחמול עליו שידע שיתעורר חמלה כי כאשר עומד ליאבד לגמרי אז יתעורר אותו ניצוץ קודש שיש על כרחו בכל דבר בעולם שמזה חיותו ... ואילו לא חמל היה על ידי זה קליטת הניצוץ קדוש שבו, כנזכר לעיל [עיין שם בפנים], ולא היה צריך עוד לצאת מזרעו. רק על ידי שחמל על ידי זה נשאר עדיין הניצוץ קדוש שבו, כיון שלא נשלם עדיין רצון השם יתברך בבחירה, ואף שסוף יצא זרע המלמד תורה ברבים, לא היה רצון השם יתברך ליציאת זרע זו. **וכבר כתבתי במקום אחר שמה שאמרו מבני בניו של המן וכו', לא על ידי שנתגייר אחד מזרעו, דהרי אין מקבלים גרים ממנו**, רק שגוי אחד מזרעו בא על בת ישראל באונס ונתעברה ממנו, והוא נקרא מבני בניו, עכ"ל, עיין עוד שם באריכות.

**כ.** דברים כה, יז.

**כא.** עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' י"ט, שעמלק הוא שורש חכמת הטבע ואפיקורסות. גם עיין שם משמואל פר' תצוה - תרע"ד: וכמו שהגיד כ"ק אבי אדומו"ר זצלה"ה [- האבני נזר], מה שמלחמת עמלק היתה קודם מתן תורה, כי **אלמלא נחלשה קליפת עמלק לא היו רואים מתן תורה אף שכל העם היו רואים ושומעים את הקולות, קליפת עמלק היתה מכסה על הכל, והיו מוצאים במה לתלות**, עכ"ד.

דער וועלט[כב], קרירות אין אידישקייט אויף דער וועלט[כג] - אלע טומאות נעמט זיך פון זיי - אזוי האבן מיר מקבל געווען מסיני; **"אין ה' שלם ואין הכסא שלם עד שימחה שמו של עמלק כולו!"**[כד].

עס איז דאך אזא וודאות אז דער אויבערשטער האט באשאפן דער וועלט, אז דער אויבערשטער איז מחיה דער וועלט, אז ער איז מהוה דער וועלט, "אין עוד מלבדו!", עס איז נישטא קיין איין ספק! דאס האט נאר אנגעמאכט עמלק - ער האט דאס אנגעמאכט[כה]; ספ"ק איז בגמטריא עמל"ק[כו].

---

**כב.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' נ"ח, אות ג'.

**כג.** עיין עבודת ישראל - פר' זכור: אשר קרך בדרך. **'קרך' הוא מלשון קרירות, שהקר אותך מהתלהבות. שראוי להיות כל אדם בלבו כמוקד אש לפני ה' תמיד, והיצה"ר מקרר את האדם, ומעצלו, ובא אליו בכמה מיני פיתוים, ומתנכר בלבושים וענינים, עד שמפתה את האדם ואומר לאדם, מה לך תיגע לריק ותלד לבהלה, הלא אתה עשית כמה עבירות עד אין מספר, וכבד ממך הדבר לעשות תשובה כראוי ולסגף מה שאתה חייב, לכן למה לך ללמוד תורה ולהתפלל בכוונה**, ועליך נאמר (משלי כא, כז) זבח רשעים תועבה, ואין בידך לא משלוות העולם הזה וגם נכזבה תוחלתך לעולם הבא ותירש תרתי גיהנם, שמע נא עכ"פ ושמח בחור בילדותך בעוה"ז ואכול ושתה וייטב לבך היום ואל תדאג דאגת מחר לעוה"ב. וגם מה שאתה רואה כמה אנשים מכונים בשם צדיקים וחסידים ואנשי מעשה אשר הם מיגעים את עצמם בתורה ובעבודה, אל תביט אל מראיהם כי כלו סג יחדיו ומי יודע מה מעשיהם בסתר. ועוד כהנה מדבר היצה"ר בלב האדם עד שמפילו בעצלות בעבודת השי"ת ומחזק לבו למרות עיני כבודו עד שמוליכו כשור לטבח, **לזה הזהיר הקב"ה, זכור את אשר עשה לך עמלק אשר קרך בדרך, שהקר אותך כשאתה הולך בדרך ה'.**

**כד.** מדרש תנחומא תצא י"א.

**כה.** עיין נתיב מצותיך (קאמארנא) - נתיב אמונה שביל ג', אות כ': **שורש המלכות, להאמין שאין שום מציאות דבר קטן וגדול, שלא יהיה שם מציאות אורו יתברך והשגחתו וכחו**, אם כן מי הוא זה שיחטא כשיודע שמלך גדול ונורא עומד ממש אצלו, ורואה כל מחשבתו ומעשיו, כי בכל מחשבה קטנה שם ממש כחו והשגחתו על זה לטוב ולמוטב, **אלא שיש פרעה ועמלק הגורמין שכחה וקטנות, ונשכח ממנו אפילו עצמותו שאינו יודע כלל היכן הוא ... וכל אחד מישראל, אף קל שבקלים, מוכן בכל עת ומקבל עליו למסור נפשו באמת, למות על קדושת שמו הגדול.**

**כו.** נוצר חסד (קאמארנא) על אבות פ"א. גם עיין בן ביתי (קאמארנא) על תהלים קיט, אות כ"ט: כשאירע לאיש כמה פעמים שהוא מסופק באיזה ענין אם הוא טהור או לא או כשר

**"זכור את אשר עשה לך עמלק"** – פארגעסט נישט; **'אידעלעך איר זענט גארנישט שולדיג'! 'עמלק איז שולדיג'!**

## הוא המסית, הוא המקטרג

נאך א זאך האט געטון דער עמלק, נאך א זאך האט ער געטון, ער האט מכשיל געווען די אידן, די אלע 'נחשלים שהענן פולטן' האט 'ער' מטמא געווען מיט כישוף, ער האט זיי גאר מטמא געווען - אזוי ווערט געבראכט אין ספרים[כז].

נאכער, 'כשהענן פולטן', האט ער זיי געזאגט: "איר זענט גארנישט ווערד, איר זענט זנבות, איר זענט גארנישט ווערד, דער אויבערשטער דארף אייך נישט, איר קענט שוין בלייבן אזוי, איר קענט שוין אפטון כל דבר אסור אייביג, דו ביסט שוין אפגעשניטן פון אויבערשטן לעולמי עד ולנצח נצחים!"[כח].

---

או לא או מותר או לא, **וידוע הוא שכל הספיקות בא מכח קליפת עמלק** אשר קרך בדרך שעבור זה בא האיש הכשר לידי ספקות הנ"ל, וכיוצא בהם בפרט פרטי ספקות שעובר לבר ישראל הקדוש בעבודת הבורא ב"ה שכל הספקות אלו הם דרך שקר של הקליפות **כי אצל הקדושה לא נמצא שום ספק כנודע.**

**כז.** עיין פרי צדיק פר' זכור אות ז'; גם עיין ספר שם משמואל לפר' זכור - תרע"ח.

**כח.** עיין אוסף אמרים (פורים שיחה י') וז"ל מורינו שליט"א מנהמת לבו הטהור כטוב לב המלך ביין: אל תתייאש בשום מצב, לא ולא! כי היא קליפת עמלק "ויזנב בך כל הנחשלים", 'ויזנב' הוא מלשון גמר וסיום, הוא אומר לאדם: חטאת, פשעת – סיימת, גמרת, וחסל! אבל הצדיק אומר לו: לא ולא, אין שום מושג של גמירא וסיום מהקשר הנפלא בינינו לבין בוראינו, הקב"ה עשה אתנו קשר נצחי שלא יופר ולא יותר ולא יתבטל לעד, ולעולמי עולמים.

כי מלבד שהקב"ה קשר עמנו קשר כבר בתחילת הבריאה, כי ישראל עלו במחשבה תחילה, חיזק וחידש הקב"ה את הקשר עם אבי האומה, עם אברהם אבינו, לו ולזרעו עד עולם. וכן חידש הקשר בקבלת התורה – הנה דם הברית אשר כרת ה' עמכם. ובערבות מואב, ובהר גריזים ובהר עיבל, קשרים על גבי קשרים, שלא יתנתקו ולא יישברו.

רק עלינו לציית ולשמוע לדברי הצדיק: לא להתייאש, לא להתייאש! וכמו שאנו מחוייבים להאמין בהקדוש ברוך הוא ומחוייבים להאמין בהתורה הקדושה, כן מחוייבים אנו להאמין

מיט דער זאך, מיט דעם חלישות הדעת וואס דער עמלק גיט אריין אין די חוטאים, האט ער מנצח געווען מער ווי אלע נצחונות אויף דער וועלט!

## "הכל חפצים ליראה את שמך"

**יעדער איד וויל דינען דעם אויבערשטן!**

יעדער איד וויל דינען דעם אויבערשטן!

יעדער איינער וויל ליב האבן דעם אויבערשטן!

יעדער איינער וויל נהנה זיין מזיו השכינה!

יעדער איינער וויל זיין א נצחי!

יעדער איינער ווייסט אז די גאנצע וועלט איז הבל הבלים אנטקעגן זיין דבוק אין בורא עולם!

יעדער איד ווייסט אז מען איז אראפ אויף דער וועלט צו מגלה זיין דעם אויבערשטנס נאמען, מיט אלע אונזערע מעשים, מיט אלע אונזערע מחשבות, פארדעם איז מען אראפ אויף דער וועלט - נישט פאר קיין אין אנדער זאך נישט; גייט דער בעל-דבר און איז מכשיל א מענטש מיט אַן עבירה און רייסט אים אפ!

אין די צייט וואס ער וואלט געקענט ממליך זיין דעם אויבערשטן אויף אלע וועלטן, איז ער אים מייאש - מיט דעם האט ער אים אוועקגע'פטר'ט.

---

שאנו יהודים זרע יעקב אבינו אשר בו בחר ה', זרע אברהם אבינו שעמו קשר ברית עולם, ושאסור לנו להתייאש מלקוות ולהשתוקק אליו תמיד.

וזאת לדעת שהחטאים והעוונות והפשעים הגדולים ביותר שבעולם, אין בכוחם לנתק את האדם מהשי"ת, כמאמר רבינו שגם כאשר שוקעים בבוץ עמוק, כאשר טובעים ביון מצולה – גם משם צריכים לקיים "מבטן שאול שועתי", גם משם צריכים לזעוק ולמחות; "פלוני גזלנא הוא דאכיל ארעאי בגזלנותא". ובעת ההיא אם רק מוחים, ובד בבד מתגעגעים מעומקא דלבא להשי"ת – כבר קשורים אליו, גם אם מנוחים ושקועים עדיין בעוונות וחטאים ח"ו, ח"ו.

דערפאר, זאגט רבי נתן[כט], איז דער אויבערשטער מיט די צדיקי הדור ממשיך דער מלחמת עמלק, מיט די צדיקים וואס זענען מחזק דעם כלל ישראל.

## א איד איז אַן עצם חלק הטוב!

רבי נתן איז דאס אסאך מקשר מיט דער זאך פון **"אֲזַמְּרָה לֵאלֹקַי בְּעוֹדִי"**[ל]; **אז א איד גייט זיך אוועקשטעלן דאווענען, האט יעדער איינער – אפילו דער גרעסטע חוטא - רשות זיך אוועקצושטעלן דאווענען פארן אויבערשטן אזוי ווי דעם בעל שם טוב הקדוש! מיט דעם גרעסטן התלהבות! טרייסלען אלע עולמות!**[לא]

---

**כט.** עיין ליקוטי הלכות הל' מתנה ה"ג, אות ד': וזה בחינת מלחמת עמלק שבכל דור ודור, כמו שכתוב: **מלחמה לה' בעמלק מדור דור**, ונשבע ה' יתברך שאין שמו שלם ואין כסאו שלם עד שימחה זכר עמלק, כי עמלק הוא מזרע עשו, שהוא הסטרא אחרא, שהוא המקטרג הגדול על ישראל. ועיקר קנאתו וקטרוגו הוא על הרחוקים הרוצין להתקרב לה' יתברך שהיו עד עכשיו כבושים אצלו, וכשהצדיק רוצה להוציאם מבין שיניו הוא מתקנא בו מאד ויוצא עם כל חיילותיו להלחם עם הצדיק ואנשים שקרבם לה' יתברך, כמו שכתוב: **ויזנב בך כל הנחשלים אחריך ואתה עיף ויגע ולא ירא אלקים**, שהם החלושי כח שבישראל שהיה הענן פולטם, ורק עליהם בא עמלק להלחם ... **ואף על פי שבאמת הם חייבים גדולים**, כי לא כבשו את תאותם, ובודאי הבחירה אצל כל אחד ואחד, ואם היו רוצים היו מתגברים עליהם, ועליהם נאמר, ואת למדת אתם עליך אלפים לראש (ירמיה יג). אך אף על פי כן ה' יתברך מלא רחמים תמיד וחפץ חסד הוא. והוא שולח לנו בכל דור צדיק אמיתי שהוא רחמן גדול מאד מאד בלי שיעור שהוא מרחם מאד על אלו הרחוקים מן הקדושה מאד ומשתדל בכל כחו לקרבם לה' יתברך ולוחם בשבילם בכל עת מלחמת עמלק.

**ל.** ליקוטי מוהר"ן סי' רפ"ב, וז"ל בקיצור (מליקוטי עצות): על פי רוב אין האדם יכול להתפלל בחשק וחיות כראוי מחמת ריבוי הנפילות, שנופל בדעתו מחמת מעשיו אשר לא טובים. על כן צריך האדם להחיות את עצמו קודם התפלה על ידי שיחפש ויבקש וימצא בעצמו איזו נקודות טובות. כי בודאי איך שהוא, אף על פי כן בודאי כבר עשה כמה וכמה מצוות, **ואף על פי שהם מעורבים בפניות ופסולות הרבה, אף על פי כן על כל פנים יש בהם כמה נקודות טובות.** ועל ידי זה יחיה וישמח את עצמו, ועל ידי זה יוכל להתפלל כראוי, עכ"ל. עיין שם בפנים איך שמבאר זה בדרך נפלא בפסוק 'אזמרה לאלקי בעודי'.

**לא.** עיין ליקוטי הלכות הל קריאת התורה ה"ו, אות י"ז, בא"ד: מכל שכן איש הישראלי, **אפילו הגרוע שבגרועים**, מאחר שעתה כוונתו לשמים ורוצה עתה להניח טלית ותפלין

**איי, ער האט געזינדיגט? ער וועט תשובה טון!**

דאס איז נישט דער איד!

א איד איז א חלק הטוב![לב]

די רע איז א צוגעטשעפטע זאך, עס איז א פרעמדע זאך וואס וועט ווערן אפגעטשעפעט, אדער דורך תשובה, אדער דורך יסורים, אדער דורך גיהנום, אבער עס איז א פרעמדע זאך.

אט דאס האט דער אויבערשטער מגלה געווען פורים – "זכור את אשר עשה לך עמלק"; יעדער איינער וואס ער שפירט רע, מידות רעות, צו תאוות רעות, וויסן - עס איז נישט ער! עס איז נישט ער![לג]

דו בענק צום אויבערשטן! "אזמרה לאלקי בעודי"! נעם דיין שטיקל טוב - און רעד צום בורא עולם!

דער אויבערשטער האט דיר ליב!

---

ולהתפלל וכו' שבודאי הוא מגדל ומקדש שמו יתברך מחדש כפי אותו היום, **שזאת העבודה אינו יכול להשלים שום מלאך ושרף וכו'. ואפילו נשמות קדושות של ישראל שבגן עדן העליון אינם יכולים להשלים העבודה הזאת.**

**לב.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' מ"ט, וזל"ש (מתוך ליקוטי עצות): **כל אחד מישראל הוא חלק אלקי ממעל.** ועיקר אלקות הוא בלב. **והאלקות שבלב איש הישראלי היא בחינת אין סוף, כי אור להביות היא עד אין סוף, היינו אין סוף ואין תכלית לתשוקתו.** גם עיין שם תניינא סי' ז', אות ג', וזל"ש (מתוך ליקוטי עצות): **צריך לדעת שאיש הישראלי הוא רחוק לגמרי מעוון, ואין עוון שייך לו כלל לפי דקותו ורוחניותו.** על כן העוון, חס ושלום, הוא משוא כבד מאד מאד לאיש הישראלי, שאי אפשר לישא כלל זאת המשוא על עצמו אפילו יום אחד, כי המשוא של עוון קשה וכבד יותר מכל המשאות של כל מיני יסורים שבעולם.

**לג.** עיין ליקוטי הלכות הל' השכמת הבוקר ה"א, אות י"ב: **על ידי זה שמוצאין הטוב כנ"ל, על ידי זה נכנע עמלק שהוא תוקף הסטרא אחרא שמתגבר ח"ו להפיל את החלושי כח שבישראל כאילו אין להם תקוה עוד ח"ו,** בבחינת (דברים כ"ח) **ויזנב בך כל הנחשלים** וכו' ואתה עיף ויגע וכו', שרוצה לזנב את הנחשלים, דהיינו חלושי כח להפילם למטה ח"ו, שזהו בחינת ויזנב בך וכו'. אבל **כשזוכין למצוא בעצמו הנקודה טובה אפילו בעת נפילתו ח"ו, על ידי זה נכנע עמלק.**

דו ווייסט נישט ווי גרויס דו ביסט!

ער האט זיך געטשעפעט מיט די שאַבּאַבּניקעס; זיי האבן געקענט ממליך זיין דעם אויבערשטן אויף דער וועלט און אויף אלע עולמות - האט ער זיך מיט זיי געטשעפעט.

### געגעבן 'סמיכה' דעם שאַבּאַבּניק...

מען זעט[לד], רבינו הקדוש איז געווען באתריה דרבי אלעזר ברבי שמעון, האט ער געפרעגט, "יש לו בן לאותו צדיק?", האט מען אים דערציילט אז ווי גרויס רבי אלעזר איז געווען - רחמנא לצלן ווי יענער קוקט אויס... [אזוי שטארק ארבעט דער בעל-דבר אויף דער וועלט, "אל תאמין בעצמך"[לה]], רחמנא לצלן וואס די גמרא זאגט וואס ער איז געווען.

איז געגאנגען רבינו הקדוש, 'אסמכיה וקרא ליה רבי' - ער האט אים מסמיך געווען - 'דו ביסט א מוסמך ביז משה רבינו!'

געוואלד און געשריגן! אז ער האט געוואלט מסמיך זיין שמואל'ן האט ער געדארפט האבן רבנן - און עס איז נישט געגאנגען[לו], מען האט געדארפט מאכן א גאנצע פאראד - מען איז נישט מסמיך אזוי גיך א מענטשן. ביז ער האט געהערט אז 'בספרא דאדם הראשון' שטייט: **"שְׁמוּאֵל יַרְחִינָאָה, 'חַכִּים' יִתְקְרֵי, 'רַבִּי' לָא יִתְקְרֵי"**.

און דא איז ער געגאנגען, גענומען אזא שאַבּאַבּניק, אזא שייגעץ, און ער האט אים מסמיך געווען, 'אסמכיה וקרא ליה רבי', ביז ער איז געווארן א מוסמך 'גדול כאביו'!

---

**לד.** עיין כל זה בגמ' ב"מ דף פה ע"א.

**לה.** אבות פ"ב, מ"ד.

**לו.** עיין גמ' ב"מ שם דף פה ע"ב - פ"ו ע"א.

איינמאל האט רבינו הקדוש געהערט זיין קול אינמיטן א שיעור, האט ער געזאגט: "**פְּרִי צַדִּיק עֵץ חַיִּים"!** [לז] - אזוי גרויס איז ער נאכדעם געווארן.

זאגט רבי צדוק פון לובלין[לח], ווייל אז מען דערוועקט ביי א אידן דעם טוב, ווערט ער הוילע טוב!

דאס וואס דער יצר הרע דערמאנט א מענטשן זיין רע - מיט דעם הרג'עט ער אים אוועק. ווען מען פארציילט ווען דעם גרעסטן רשע וואספארא טוב ער האט – - [לט]

ער איז געווען א מוסמך ממשה מסיני; ער האט זיך נישט געקענט דערוועקן, עס איז געווען אזוי נעלם ביי אים, אזוי נעלם פון אים - אז ער אליין האט נישט געוואוסט פון דעם... עס איז געווען נעלם בתכלית ההעלמה.

אויף דעם דארף מען האבן אַן הלכה למשה מסיני ווי גרויס א איד איז! די גרויסקייט פון א אידן!

אז מען זעט א איד, דארף מען וויסן אז מען זעט א 'חלק אלוקי ממעל'! [מ]

---

**לז.** משלי יא, ל' ע"א, עיין בגמ' שם.

**לח.** צדקת הצדיק אות קי"ג, וז"ל: דבגמרא שם, דקרי ליה רבי, ונותן בלב בני אדם להסמיכו ברבי, ולהגדילו, ועל ידי זה מתגדל אחר כך באמת. ואז גם רבי שקָרו לו, אז ודאי לא לשוא היה, **כי כשנתגלה האמת אז נראה כי גם תחילה היה כן, רק שהיה בהעלם**, כי מֵאַריה בישא - גיריא טבא לא נפיק.

**לט.** עיין ליקוטי הלכות הל' סימני בהמה וחיה ה"ד אות ג': על ידי השקלים בחינת צדקה, שעל ידי זה נעשה אויר הנח והזך הנ"ל עד **שמשמיעין להטוב את מעלתו, שעל ידי זה יוצא מהם ושב בתשובה, על ידי זה נופל ונתבטל זהמת המן עמלק ומעבירין אותן מן העולם**, עכ"ל. עיין עוד שם.

**מ.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' י"ז, וז"ל בקיצור בא"ד (מליקוטי עצות): צריך לדעת, שהשם יתברך מתפאר אפילו עם הקל שבקלים שבישראל, אפילו פושעי ישראל כל זמן ששם ישראל נקרא עליו יש בו התפארות פרטי, שהשם יתברך מתפאר עמו. **על כן אסור לאדם לייאש**

מען זעט א זאך 'שאין להם סוף'!

דאס חיצוניות דארף גארנישט פארשטעלן! מיר האבן א הלכה למשה מסיני אז א איד איז גרויס בלי גבול ובלי תכלית!

אז דו זעסט רע – זעסטו נישט גוט, זעסטו נישט דעם אמת!

## 'וירח את ריח בוגדיו'

ביי יצחק'ן שטייט[מא]: **"וַיָּרַח אֶת רֵיחַ בְּגָדָיו"** – **'את ריח בוגדיו'**[מב]; א שרעקליכע זאך, יוסף משיתא האט צוגעהאלפן צו חרוב מאכן דעם בית המקדש - זעסטו דאך אויף וואספארא מין דרגא ער איז געווען רחמנא ליצלן - ער האט זיך משתתף געווען מיט די גוים צו חרוב מאכן דעם בית המקדש.

מען האט אים אריינגעשיקט אין בית המקדש עפעס ארויסנעמען - האט ער ארויסגענומען די מנורה. האבן זיי עס אים נישט געקענט גיבן; האבן זיי אים געזאגט, "דאס קענען מיר דיר נישט געבן - נעם ארויס א צווייטע זאך", (האט ער נישט געוואלט), האט מען געזעגט 'במסורת של חרשים' זיינע פלייש מיט זיינע ביינער.

---

**עצמו מהשם יתברך אפילו אם קלקל ופגם הרבה מאד, חס ושלום, כי עדיין לא פסק חביבות השם יתברך ממנו** כנ"ל, **ועל כן עדיין יכול לשוב לשם יתברך**, והעיקר הוא על ידי אנשי אמת שהם יכולים למצוא גם הטוב וההתפארות, שיש אפילו בהגרוע שבגרועים ולהשיב הכל לשם יתברך.

**מא.** בראשית כז, כ"ז.

**מב.** עיין מדרש רבה תולדות פר' ס"ה פס' כ"ב: דבר אחר, וירח את ריח בגדיו ויברכהו; כגון יוסף משיתא, ויקום איש צרורות. יוסף משיתא, בשעה שבקשו שונאים להיכנס להר הבית, אמרו, יכנס מהם ובהם תחלה, אמרין ליה - עול, ומה דאת מפיק - דידך, נכנס והוציא מנורה של זהב, אמרו לו, אין דרכו של הדיוט להשתמש בזו, אלא עול זמן תנינות, ומה דאת מפיק - דידך, ולא קבל עליו. אמר רבי פינחס, נתנו לו מכס שלש שנים, ולא קיבל עליו, אמר, לא דיי שהכעסתי לאלקי פעם אחת אלא שאכעיסנו פעם שניה?!. מה עשו לו? נתנו אותו בחמור של חרשים והיו מנסרים בו, היה מצוח ואומר, ווי, אוי אוי שהכעסתי לבוראי. עיין גם בגמ' סנהדרין לז.

האט ער געשריגן: **"אוי לי שהכעסתי את בוראי", "אוי לי שהכעסתי!"**.

### אזא טוב ליגט אין יעדן אידן - מען דארף עס נאר דערוועקן! [מג]

דא איז דער רבי געקומען אויף דער וועלט צו דערוועקן דעם טוב פון יעדן אידן - זיך נישט פארלירן!

## דיינע רשעים ענטפערן "אמן יהא שמיה רבא"!

עס איז דא א תנא דבי אליהו [מד] מיט א מדרש [מה], איך האב עס

---

**מג.** עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת הריח ה"ד, אות ב': לפעמים הסטרא אחרא בולעת את האדם כל כך עד שהוא מגיע לעצם פנימיות קדושת יהדותו והיא מתחזקת ומתגברת לבלוע נקודה זאת גם כן ומביאה אותו לידי עבירה גדולה חס ושלום, כדי לבלוע אותו לגמרי חס ושלום, אבל תיכף כשהיא רוצה לבלוע את עצם פנימיות קדושתו אזי זאת הנקודה עומדת להסטרא אחרא בבית הבליעה שלה, כי **זאת הנקודה של פנימיות קדושתו היא בעל כח גדול מאד וכנ"ל ואי אפשר להסטרא אחרא לבלוע אותה בשום אופן.** ולא די שאינה יכולה לבלוע אותה אף גם זאת הנקודה טובה עומדת להסטרא אחרא בבית הבליעה שלה עד שהיא מוכרחת ליתן הקאות להקיא ולהוציא כל הקדושות שבלעה מזאת הנשמה. **ומזה בא בחינת מה שלפעמים האדם נתעורר בתשובה אחר כמה עבירות**, היינו כנ"ל. **וכן שמעתי מרביז"ל שלפעמים עבירה מביאה את האדם לידי תשובה**, היינו על ידי שנלכד באיזה עבירה גדולה רחמנא לצלן, על ידי זה נתמרמר לבו ונתעורר בתשובה עד שנעשה בעל תשובה גמור, עכ"ל.

**מד.** אליהו זוטא פרק כ'.

**מה.** ילקוט שמעוני על ישעי' כו, וז"ל: אל תקרי שומר אמונים, אלא שאומרים אמן, שבשביל אמן אחד שעונין רשעים בתוך גיהנם ניצולין מתוכו. כיצד, עתיד הקב"ה להיות יושב בגן עדן ודורש, וכל הצדיקים יושבים לפניו. וכל פמליא של מעלה עומדים על רגליהם, וחמה ומזלות מימינו של הקב"ה, ולבנה וכוכבים משמאלו, והקב"ה יושב ודורש תורה חדשה שעתיד ליתן על ידי משיח. **וכיון שמסיים ההגדה, עומד זרובבל בן שאלתיאל על רגליו ואומר יתגדל ויתקדש כו', וקולו הולך מסוף העולם ועד סופו, וכל באי עולם כולם עונים אמן, ואף רשעי ישראל שנשתיירו בגיהנם עונים ואומרים אמן מתוך גיהנם, ומתרעש העולם עד שנשמע קול צעקתם לפני הקב"ה, והוא שואל, מה קול הרעש הגדול אשר שמעתי? ומשיבים מלאכי השרת ואומרים לפניו, רבונו של עולם, אלו רשעי ישראל שנשתיירו בגיהנם שעונין אמן ומצדיקים עליהם את הדין. מיד מתגלגלים רחמיו של**

געשריבן[מו]; לעתיד וועט דער אויבערשטער זיצן אין גן עדן, וכל הצדיקים יושבים לפניו, וכל פמליא של מעלה עומדים לפניו, חמה ומזלות בצד ימינו, ולבנה וכוכבים מצד שמאלו, און דער אויבערשטער וועט זאגן תורה וואס משיח וועט מגלה זיין, די תורה חדשה.

וואס איז די 'תורה חדשה'? עס איז דאך דא א פסוק[מז]: **"תּוֹרָה מֵאִתִּי תֵצֵא"**. זאגט דער מדרש[מח]: **"תורה חדשה"**. פרעגט דער בעל שם, לכאורה 'זאת התורה לא תהא מוחלפת' - וואס איז די 'תורה חדשה מאתי תצא'? זאגט דער בעל שם[מט], לעתיד וועט מען זען אז

---

**הקב"ה עליהם ביותר, ואומר, מה אעשה להם יתר על דין זה, כבר יצה"ר גרם להם. באותה שעה נוטל הקב"ה מפתחות של גיהנם בידו ונותן להם למיכאל ולגבריאל בפני כל הצדיקים ואומר להם לכו ופתחו שערי גיהנם והעלו אותם. מיד הולכים עם המפתחות ופותחים שמונה אלף שערי גיהנם**, וכל גיהנם וגיהנם ש' ארכו וש' רחבו, עוביו אלף פרסה, ועומקו מאה פרסה, **וכל רשע ורשע שנפל לתוכו שוב אינו יכול לעלות.** מה עושין מיכאל וגבריאל באותה שעה? תופסין ביד כל אחד ואחד מהם ומעלים אותם כאדם שהוא מקים את חבירו ומעלהו בחבל מתוך הבור, שנאמר (תהלים מ') ויעלני מבור שאון מטיט היון וגו', ועומדים עליהם באותה שעה ורוחצין וסכין אותם ומרפאין אותם ממכות של גיהנם ומלבישים אותם בגדים נאים, ומביאים אותם לפני הקב"ה ולפני כל הצדיקים כשהם מכוהנים ומכובדים, שנאמר (שם קלב) כהניך ילבשו צדק וחסידיך ירננו, כהניך - אלו צדיקי אומות העולם שהם כהנים להקב"ה בעולם הזה, כגון אנטונינוס וחביריו, וחסידך - אלו רשעי ישראל שנקראו חסידים, שנאמר (שם נ') אספו לי חסידי. וכשנכנסין לפתח גן עדן נכנסין מיכאל וגבריאל תחילה ונמלכין בהקב"ה, משיב הקב"ה ואומר להם הניחו להם ויכנסו שיראו את כבודי, וכיון שנכנסין נופלין על פניהם ומשתחוין לפניו ומברכין ומשבחין שמו של הקב"ה. מיד הצדיקים גמורים וישרים שהן יושבין לפני הקב"ה נותנים הודאות ורוממות להקב"ה, שנאמר (שם קב) אך צדיקים יודו לשמך ישבו ישרים את פניך, ואומר (שם קז) וירוממוהו בקהל עם וגו'.

**מו.** עיין ספר 'לקט אמרים' חלק ב', עמוד קכ"ה.

**מז.** ישעי' נא, ד'.

**מח.** ויקרא רבה יג, ג'.

**מט.** נדפס בכתר שם טוב דף ז' ע"ד, וז"ל: וזהו שאמרו (במדרש ויקרא רבתי פ"ג סי' זיי"ן) לעתיד לבא 'תורה חדשה מאתי תצא'. **וקשה הא לא יחליף האל ולא ימיר דתו?** אלא שיפרש הסודות שבה, ושדיבר הכל מן שמות הש"י ומבנין עולמות העליונים". גם מובא

די תורה איז שמותיו של הקב"ה, מען וועט זען אז די תורה איז מגלה אזעלכע גרויסקייטן פון דעם אויבערשטן, אזעלכע זיסקייטן פון דעם אויבערשטן, אזא דביקות צום אויבערשטן, אז די גאנצע תורה רעדט פון גאר פון בורא עולם אליין!

אט דאס איז דער "כי תורה **מאתי** תצא" - איר וועט זען אז די תורה רעדט גאר **מאתי**!

מיט דעם וואס מען לערנט תורה און מען איז מקיים די תורה מיט דעם פשט וואס מען האט מקבל געווען מסיני, מיט דעם וועלן מיר לערנען פשט פון 'תורה חדשה מאתי תצא', וואס מען וועט עס הערן פון משיח צדקינו.

עס איז א בפירוש'ע רש"י אין שיר השירים[נ]: "**ומובטחים מאתו להופיע עוד עליהם לבאר להם**" - דער אויבערשטער וועט קומען און אונז מגלה זיין "**סוד טעמיה ומסתר צפונותיה ומחַלים פניו לקיים דברו**" - מען וועט מקבל זיין די סודות וואס טוט זיך אין די תורה; דאס מיינט, עס וועט זיין נאכאמאל א קבלת התורה אויף פנימיות התורה.

א מורא'דיגע זאך שטייט דארט, נאכדעם וואס דער אויבערשטער וועט ענדיגן מיט די דברי אגדה, וועט זיך אויפשטעלן זרובבל בן שאלתיאל, און ער וועט זאגן "יתגדל ויתקדש שמיה רבא", און מען וועט דאס הערן מסוף העולם ועד סופו - און אלע וועלן ענטפערן אמן!

די רשעים פון גיהנום וואס זענען אין אזא גיהנום וואס זיי קענען קיינמאל נישט ארויסגיין, וועלן שרייען אזוי שטארק "אמן יהא שמיה רבא", אז עס וועט ווערן אזא רעש, אז דער אויבערשטער וועט זאגן,

---

שם בח"ב דף כ"ד ע"א, וז"ל: "לפי שעתה נתלבשה התורה בסיפורי מעשיות כגון דלבן ובלעם, ולעתיד לבא יפרש איך דיבר הכל מאתו ית"ש, ומבנין עולמות העליונים והתחתונים, וזהו שאמר 'תורה חדשה **מאתי** תצא', היינו שאפרש לכם הפירוש איך הכל מדבר **מאתי**.

**נ.** א, ב'.

"וואס איז דער רעש?", וועט מען אים זאגן, "דיינע רשעים - דיינע רשעים ענטפערן אמן אויף 'יתגדל ויתקדש שמיה רבא'!".

וועט דער אויבערשטער אראפשיקן, צדיקים, מלאכים, מען וועט זיי ארויסנעמען, מען וועט זיי ארומוואשן, מען וועט זיי ארומשמירן, מען וועט זיי אנטון בגדים מגוהצים, און מען וועט זיי ברענגען לפני מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, און מען וועט זיי אריינברענגען אין גן עדן!

אזא סוד איז דא אין אידן!

## אין לעבנסלענגליכע ארעסט

פארוואס טאקע עפעס (יתגלגל זכות כזה) דורך 'זרובבל בן שאלתיאל'? ווייל זיין זיידע (יכניה) איז געווען א גרויסער רשע. אין קאפיטל כ"ב אין ירמיה רופט ער אים אָן: "**הַעֶצֶב נִבְזֶה**". ער שעלט אים דארט א קללה נמרצת רחמנא ליצלן, וואס אזא קללה פאסט נאר פאר עמלק'ן... - אזא קללה האט ער אים געשאלטן דארטן.

איז געווען עלף יאר פארן חורבן, נאך דריי חדשים (למלכות יכניה), איז געקומען נבוכדנצר און גענומען יכניה'ן מיט נאך צען טויזנט תלמידי חכמים, ביניהם זענען געווען די אנשי כנסת הגדולה מיט מרדכי הצדיק "אֲשֶׁר הָגְלָה מִירוּשָׁלַיִם עִם הַגֹּלָה אֲשֶׁר הָגְלְתָה עִם יְכָנְיָה מֶלֶךְ יְהוּדָה"[נא].

למעשה, אלעמען האט ער באפרייט, אידן האבן געהאנדלט, געמאכט קלייטן, געלערנט, געדאוונט. אים האט ער אבער איינגעזעצט אין תפיסה אויף אייביג[נב].

**נא.** אסתר ב, ו'.

**נב.** מדרש רבה פר' מצורע יט, ו'.

איז דארט אין תפיסה איז ער בייגעשטאנען א נסיון של קדושה - איז 'מחל הקדוש ברוך הוא על כל עוונותיו'![נג]

ער האט זוכה געווען - דער אויבערשטער האט דאך געשוואוירן אז ער וועט נישט האבן קיין קינדער - האט דער אויבערשטער זיך מתיר שבועה געווען. ער האט געהייסן "שאלתיאל"; "למה נקרא שמו שאלתיאל? ששאל א-ל על שבועותו", "זרובבל - שנזרע בבל"[נד].

דוקא פון אזא מין רע, ליגט אזא מין גרויסן טוב!

## אלע מחלות - ארײנשיקן קיין עזה...

דאס דארף יעדער איינער וויסן - 'אלע קענען תשובה טון!'

אלע זענען זייער גרויס!

מיר אלע זענען גרויס!

מיר זענען משונה'דיג גרויס!

אידן זענען ווערד אלע ברכות אין דער וועלט אז דער גאנצער כלל ישראל זאל תשובה טון!

אלע זאלן האבן א שפע מיט עשירות!

אלע חשוכי בנים זאלן נפקד ווערן דאס יאר מיט זרע של קיימא לעבודת ה' יתברך![נה]

---

**נג.** מדרש שם.

**נד.** סנהדרין לח ע"א.

**נה.** עיין פוקד עקרים אות ה': וגם במחיית עמלק נאמר לשון פקידה (שמואל-א טו, ב) "פקדתי את אשר עשה עמלק" וגו' ... **ובמחיית עמלק בא פקידה לעקרים שבישראל ושיולידו זרע קדוש.** ועל כן אמירת פרשת זכור אשר עשה וגו' בכוונת הלב בכל מקום שהוא פועל בדיבורו וכוונת לבו שהקב"ה ימחנו מלמעלה כמו שאמרו ז"ל **נראה לי דהוא מסוגל לבנים.** [**וכן קבלתי שבפרשת זכור שהוא זמן מחיית עמלק שכנסת ישראל קורין אז אותה פרשה**

אלע רוּוקים ורוּוקות מעם ישראל זאלן חתונה האבן, זיי זאלן האבן קינדער, זרע קודש וואס זייערע קינדער זאלן מוחה זיין 'זכרו של עמלק' לנצח!

אלע קראנקע זאלן האבן א רפואה מיטן אויבערשטנ'ס הילף אליין!

דער אויבערשטער זאל נעמען אלע מחלות פון אלע אידן און ער זאל עס ארײנשיקן ביי די מיליאָנען אראבער אין עזה... - דארטן וועט ער עס ארײנשיקן - און אידן וועלן ווערן געזונט!

דער אויבערשטער זאל העלפן אז דער הייליגער פורים זאל זיך ערשט איבערדרייען אויף א גאולה שלימה ממש **'ברוח בגוף ובנפש'!**

עס זאל נמשך ווערן ברכות מיט רפואות מיט ישועות, וימלא ה' כל משאלות לבנו לטובה, לכל עם ישראל, לטב ולחיין ולשלם אמן!

**הוא עת רצון להתפלל על בנים**. כי במחיית זרע עמלק בא ריבוי בזרע ישראל והוא על דרך (פסחים מ"ב ע"ב) אמלאה החרבה דכשחרבה זו מלאה זו ועל דרך (תהלים ע"ה, י"א) כל קרני רשעים אגדע על ידי זה ואז תרוממנה קרנות צדיק].

# עמודי התווך

בס"ד

ברכת השיר והשבח לכבוד הני נדיבים בעם, אנשי חיל יראי אלקים, שנדבה לבם הטוב, להיות חבר ושותף מידי חודש בחודשו במפעל הקדוש כזה, להרביץ תורה ויראה טהורה בקרב עם סגולה

ה"ה

מוה"ר **ישכר דוב קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **יוסף מרדכי כהנא** הי"ו

מוה"ר **חיים נאה** הי"ו

מוה"ר **צבי קליין** הי"ו

מוה"ר **אברהם שמעון קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **שלמה פעדער** הי"ו

מוה"ר **יוסף בנציון שווארטץ** הי"ו

מוה"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דזכות זה יעמוד להם ולזרעם עד עולם, עם רוב תענוג ונחת דקדושה כל הימים

# יאמֵץ לבך

רבונו של עולם אונז זענען דאך אזוי מגושמ'דיג, אבער **"ליבי ובשרי ירננו לא-ל חי"** אונזער דיקע גוף זינגט און טאנצט פאר דיר!

**'ליבי ובשרי ירננו לא-ל חי'!**

**'ליבי ובשרי ירננו לא-ל חי'!**

זינגט פארן אויבערשטן, שרייעט פארן אויבערשטן, דאס איז פורים הקדוש, דאס האבן אידן מקבל געווען פורים – תשובה מאהבה!

מיר האבן נישט קיין כח פון תשובה מיראה אליין אין פורים – טון תשובה מיראה **"יראת ה' טהורה"** יראה אן עצבות, יראה וואס איז אהבה.

אהבה צום אויבערשטן, יעדן איד איז מקושר צום אויבערשטן! מען דארף עס נאר דערוועקן, מיט 'לבסומי בפוריא' דערוועקט מען אהבה צום אויבערשטן!

דעמלטס ווערן בטל אלע צרות, אז עס איז דא א פירוד פון א טאטען צו זיין זוהן קומט אלע צרות – תשובה מאהבה דאס איז די עצה!

(דב"ק ממורינו הגה"צ שליט"א – כטוב לב המלך בײן פורים תשס"ו לפ"ק)